בעזהשי"ת
קינדערגארטן
דישיבה תורה ויראה דרבינו יואל מסאטמאר
- קרית יואל יע"א -
נתייסד ע"י כ"ק רבינו הקוה"ט זיע"א • בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר עט"ר שליט"א

# נייעס פון קינדערגארטן




## ✪די הייליגע תורה

(פאר אלע קינדער) אין די וואכעדיגע סדרה פון פרשת יתרו לערנען מיר פון קבלת התורה. ווי שיין איז געווען די וואך איעדן טאג ווען מיר זענען אנגעקומען אין חדר, האט אונז אפגעווארט א הערליכע "ספר תורה", וועלכע מיר האבן שיין באגריסט, און דערנאך אויך געקענט געבן א קוש פאר די תורה. יא! דא אין קינדערגארטן לערנען מיר זיך אלע קינדער אויס, **ליב צו האבן די הייליגע תורה און אויך אירע הייליגע מצוה'לעך.**

## ✪מתן תורה

(פאר די גרעסערע קינדער) מיטוואך זענען מיר אריין געגאנגען אין לאנט"ש רו"ם. אבער עפעס איז דא היינט פאני... אינמיטן זאל איז דא ווענטעלעך–מחיצות.... וואס איז דארט דא אינעווייניג? אפשר וועלן מיר באלד געוואויר ווערן.... מיר הערן זיך קודם שיין צו, צו די מעשה פון יתרו וויאזוי און פארוואס ער איז געווארן א איד. דערנאך הייסט מען אלע קינדער זאלן זיין זייער שטיל, די טירן עפענען זיך אויף, און מיר זעהן וויאזוי א אינגל **דוד האפמאן** קומט אריין אין לאנט"ש רו"ם מיט די הייליגע תורה אין זיינע הענט, עס האט א הערליכע קרוין. מיר האבן זיך אלע אויפגעשטעלט מיט גרויס דרך ארץ פאר די תורה, און מיר זינגען ובאו כולם בברית יחד, און אויך די שיינע ליד פון "ארום דעם בארג סיני". דערנאך הערן מיר די מעשה פון קבלת התורה. מיר הערן אז דער מלאך איז ארום געפליגן צו אלע גוים פון די גאנצע וועלט און האט געפרעגט יעדן איינעם, אויב זיי ווילן האבן די תורה פון דעם הייליגן באשעפער. די גוים אלע פרעגן "וואס שטייט אין די תורה"? ווען מ'זאגט זיי אז אין די תורה שטייט "כבד את אביך ואת אמך", מ'דארף פאלגן א טאטע און א מאמע, און למשל ווען א מאמע הייסט גיין שלאפן אדער שנעל צוזאמפאקן די טויס, דארף מען שנעל פאלגן די מאמע. זאגן די גוים אז זיי ווילן נישט די תורה, ווייל זיי ווילן נישט פאלגן א טאטע און א מאמע. די אנדערע גוים פרעגן אויך וואס שטייט אין די תורה. זאגט מען זיי אין די תורה שטייט "לא תגנוב" מ'טאר נישט גנבענען, למשל מ'טאר נישט נעמען פון די מאמע'ס לעדל אן רשות, אדער ח"ו ווען מ'גייט אין גראסערי טאר מען נישט גנבענען... זאגן די גוים "ניין! מיר ווילן יא גנבענען, מיר ווילן נישט די תורה. דערנאך זעהן מיר וויאזוי א אינגל **שמוא' בער שווארטץ** נעמט די תורה און גייט צו צו די ווענטעלעך. ער קלאפט אין די טיר. מיר הערן עפעס א גרודער פון איינעם. דערנאך געט זיך די וואנט פלוצלינג א עפן אויף, מיר זעהן זיצן דארטן א מיסטע"ר פון די לאנטש רום... שמוא' בער פרעגט אים אויב ער וויל האבן די תורה? דער גוי שרייט "נאו תורה" ,נאו תורה" און ער לויפט אוועק. אבער ווען שמואל בער שווארטץ האט נאכדעם געפרעגט "אונז אלע אידישע קינדער" אויב מיר ווילן די תורה? האבן מיר אלע צוזאמען געענטפערט הויעך "נעשה ונשמע".... דערנאך האבן אונזערע חשובע געסט פון שערי חמלה געמאכט א הערליכע טאנץ אינדערמיט. שפעטער האט יעדע חדר עקסטער געקענט ארויף קומען אינמיטן זאל, און געטאנצן לעבעדיג די זעקסטע **הקפה ניגון** לכ' די הייליגע תורה. אוי ווי פרייליך זענען מיר געווען... מיר האבן זיך דערנאך צוזאמען פאר גענומען היינט צו זיין זייער וואויל און פאלגן אלעס וואס שטייט אין די הייליגע תורה, אייביג און אלעמאל מיטן באשעפערס הילף.

## ✪די פיצעלעך טאנצן אויך....

די פיצעלעך (די פרי נורסערי) האבן אויך מיטגעהאלטן א הערליכע מתן תורה, ווען אלע קינדערלעך האבן זיך דאנערשטאג ארויס געזעצט אין די האלל און געזונגען לכ' די הייליגע תורה ובאו כולם עלינום ששו....

# וואס נאך הערט זיך אין קינדערגארטן?

### ✪מ'מאכט איבער נייע פלאר

אין די איצטיגע טעג זעצט מען פאר די ארבעט פון איבערמאכן א שפאגל נייע פלאה"ר פאר די קינדערגארטן וואס וועט בעזהשי"ת שטארק באשיינען אונזער בנין.

### ✪מ'בויעט א נייע חדר

קינדערגארטן ציוואקסט זיך בליעה"ר אויף גאר א שטארק פארנעם, און אזוי ווי מיר זענען אויסגעלאפן פון פלאץ און מ'ברויך קומענדיגן חודש עפענען נאך א חדר פאר א פרישע קלאס, ארבעט מען יעצט העפטיג איבערצובויען א נייע חדר אונטן אין דעם בעיסמענט פון תלמוד תורה. האפענטליך וועט דאס זיין גרייט אויף ראש חודש אדר אי"ה.

### ✪די ווענט פון קינדערגארטן פריש באצירט

ווער עס קומט אריין די טעג אין קינדערגארטן, וועט באמערקן ווי די ווענט ווערן צוביסלעך פריש באצירט און איבערגארבעט מיט הערליכע טאוולען אזוי ווי עס פאסט פאר א קינדערגארטן חדר. עס וועט בעזהשי"ת זיין תוכן'דיג און באלערנד וואס די קינדער וועלן זיך קענען לערנען דערפון שיינע זאכן.

## ✪מזל טוב פון די וואך

הנהלת הקינדערטן וואונטשט א הערצליכן מזל טוב
פאר המלמד החשוב
מו"ה **אלי' ראטה** שליט"א
צו די חתונה פון אן איינקל
דער באשעפער זאל העלפן איר זאלט זעהן אסאך אידיש נחת פון אלע קינדער און אייניקלעך געזונטערהייט עמו"ש

# זיסע חכמה'לעך

**יעקב הערש פערל**: ווען מ'האט אים געפרעגט ווען האט פרעה ארויס געשיקט? האט ער געענטפערט "אלע קינדער פון לאנט"ש רו"ם"....

**נסים יוסף דאנא:** זיין מאמע האט אים געשיקט מיט א פינעווער (5 דאללער) צו א שכן צו בעטן פינעף דאללער. ער איז צוריק געקומען און געזאגט "מאמי דו דארפסט זיין צופרידן מיט "איין", ווייל די שכן האט נישט פינעף"...

**חיים ברוך סופר:** זאגט אז די וואך גייט שוין די סדרה פון "שבועות"..




**מרדכי'לע גרינפעלד:** (א פרי נורסערי אינגל) זאגט מען דארף געבן פאר די פייגעלעך "ברעקעלעך" און "אויגעלעך", (ווייל אזוי טוט מען אין חדר)"...

**משה'לע ווייס:** ווען מ'האט אים געזאגט אז היינט איז מיטוואך, האט ער געזאגט "ער וויל היינט גיין אין פרי כתה א' ער וויל שוין קענען שפילן אויף די פלעי"...

**ישראלי:** די טאטע האט געזאגט אינדערהיים פאר די קליינע קינדער אז מען דארף פאלגן א עלטערע שוועסטער האט ער זיך אנגערופן "אויך מיך דארף מען פאלגן... טאטי קויף מיר א סופער סנעק"....









## איך בין דריי יאהר

מזל טוב
הילד היקר
**קלונימוס קלמן יאקאבאוויטש נ"י**
**בן מו"ה אברהם יוסף הי"ו**
צו זיין אפשערן למז"ט

מזל טוב
הילד היקר
**שלמה הערש קארפן נ"י**
**בן מו"ה אשר אנטשיל הי"ו**
צו זיין אפשערן למז"ט

מזל טוב
הילד היקר
**שלו' ג-אטליעב נ"י**
**בן מו"ה שמעון יצחק הי"ו**
צו זיין אפשערן למז"ט

מזל טוב
הילד היקר
**מאיר וואלף הערשקאוויטש נ"י**
**בן מו"ה אביגדור הי"ו**
צו זיין אפשערן למז"ט

מזל טוב
הילד היקר
**יעקב משה פרידריך נ"י**
**בן מו"ה יצחק הערש הי"ו**
צו זיין אפשערן למז"ט

דער אייבירשטער זאל העלפן איר זאלט אויסוואקסן גרויסע ערליכע אידן תלמידי חכמים יראי' ד' אייערע עלטערן זאלן זעהן פון ענק אסאך אידיש נחת געזונטערהייט עמו"ש